ס·דאַרף דאָ דערמאָנט ווערן, אַז די צאָל יידן אויף די דערפער האָט זיך כּסדר פאַרקלענערט אויך צוליב דעם סיסטעמאַטישן אַרויסזעצן די יידן פון די דערפער, דערהויפּט די, וואָס האָבן געוווינט ווייניקער ווי 30 יאָר אויף איין אָרט. שפּעטער, נאָך דער מלחמה, זענען אין מאַנכע ערטער אויך צוגעקומען די שוין „מאָדערנע" העצערישע „דערשיינונגען", ווען ס׳איז געוואָרן אַ מורא פאַר אַ יידן צו וווינען ערגעץ אויף אַ וועג, און צו האַלטן אַ קרעטשמע — ממש נישט זיכער מיטן לעבן.

משה שאַליט (ווילנע)

# ש. אַנ—סקי לויט זיין בוך פון די צייטונגס=אויסשניטן

אין הע״ג·אַרכיוו געפינט זיך צווישן אַנדערע אַנ–סקי·מאַטעריאַלן (ז. גענויער אין אונזערע אַרטיקלען: „ליטעראַרישע בלעטער" 1929, 16; 1930, 45) אויך אַ בוך מיט אַריינגעקלעפּטע צייטונגס·אויסשניטן, אין וועלכע ס׳רעדט זיך וועגן אַנ–סקין און וואָס נעמען אַרום דעם פּעריאָד פון די יאָרן 1900–1918.

דער גרעסטער טייל אויסשניטן זענען פון רוסישע צייטונגען. די דאָזיקע אויסשניטן פלעגט סיסטעמאַטיש צושטעלן, לויט באַשטעלונג, די „ביוראָ פון צייטונגס·אויסשניטן" אין פּעטערבורג אָדער אַנדערע ביוראָען. די איבעריקע אויסשניטן, — פון רוסיש·יידישע, העברעישע און יידישע צייטשריפטן (1 אויסשניט אויך אויף דייטש און 1 אויף אוקראַיניש), — פלעגט אַנ–סקי קלייבן אַ״יין.

די זאַמלונג איז ווייט נישט קיין פולע. געוויס זענען דורכגעלאָזן געוואָרן, אין משך פון די לאַנגע יאָרן, נישט ווייניק געדרוקטע נאָטיצן, וו אַנ–סקי ווערט דערמאָנט.

אָבער ס׳איז קיין ספק נישט, אַז דער דאָזיקער גרויסער אָפּגעקליבענער מאַטעריאַל פון אַ הונדערט צייטונגען (פון אַלע ווינקלען פון רוסלאַנד), וואָס פיל פון זיי איז מער נישט מעגלעך אויסצוגעפינען און וועלכע אַנ–סקי האָט אַליין דורכגעקוקט (און צו איינִיקע פון זיי אייגנהענטיק געמאַכט אויפשריפטן), האָט אַ גאָר וויכטיקע באַדייטונג פאַר אַנ-סקיס ביאָגראַפיע און פאַר דער כאַראַקטעריסטיק פון די קולטור·געשיכטלעכע באַציונגען אין די ערשטע צוויי צענטליק יאָר פון הײַנטיקן יאָרהונדערט.

די 261 צייטונגס·אויסשניטן, וואָס זענען אויפגעהיט געוואָרן אין „בוך" און וואָס אַנ–סקי האָט געהאַלטן פאַר וויכטיק אָפּצוקלייבן, גיבן אַ מאַסע זייער אינטערעסאַנטע פּרטים וועגן אַנ–סקיס טעטיקייט און וועגן די דעמאָלטיקע ליטעראַריש·קינסטלערישע און קולטור·געזעלשאַפטלעכע געשעענישן.

מיר וועלן דאָ ברענגען אין אַ באַאַרבעטער פאָרם, כראָנאָלאָגיש, די מער כאַראַקטעריסטישע פון זיי.

### 1. אַנ–סקי אַלס סעקרעטאַר פֿון דער רוסישער אָפּטיילונג אין דער אינטערנאַציאָנאַלער שול אין פּאַריז

(„יוזשנאָיע אָבאָזרעניע", אָדעס 4 סעפּטעמבער 1900. — קאָרעספּאָנדענץ אויס פּאַריז פֿון ס. ברוס)

אין צוזאַמענהאַנג מיט דער וועלט־אויסשטעלונג אין פּאַריז אין יאָר 1900 האָט זיך דאָרט אין אַ ווינקל פֿון „פּאַלאַץ פֿאַר קאָנגרעסן און סאָציאַלער עקאָנאָמיע" צוגעטוליעט די „אינטערנאַציאָנאַלע שול". איר הויפּט־אויפֿגאַבע איז געווען צו באַקענען מיט די דערגרייכונגען פֿון פּראָגרעס דורך אַ ריי לעקציעס וועגן די פֿאַרשידנסטע פּראָבלעמען פֿון סאָציאָלאָגיע, טעכניק און ליטעראַטור און דורך באַזוכן אויף דער אויסשטעלונג, קונסט־גאַלעריעס און מוזייען. יעדע נאַציע האָט געהאַט אין דער שול איר אייגענע אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט גענאָסן פֿון אַ פֿולער אויטאָנאָמיע.

באַזונדערס אינטערעסאַנט איז געווען די רוסישע אָפּטיילונג. הגם אויסערלעך האָט איר ביוראָ פֿאַרנומען בלויז אַ קליין פֿינסטער חדרל און אירע מיטלען זענען געווען זייער קליינע.

„מיר האָבן דאָרט, שרייבט דער קאָרעספּאָנדענט, געטראָפֿן דעם זייער ליבן סעקרעטאַר, דעם טאַלענטפֿולן זשורנאַליסט ש. אַנ–סקי, וועמען גליעב אוספּענסקי האָט שוין לאַנג פֿאָרויסגעזאָגט אַ רייכע צוקונפֿט".

די רוסישע אָפּטיילונג, וואָס אַנ–סקי איז געווען איר סעקרעטאַר און איינער פֿון די אָרגאַניזאַטאָרן, האָט אַנטוויקלט אַ לעבעדיקע טעטיקייט. אַרום איר האָבן זיך גרופּירט אַ ריי בעסטע נעמען פֿון דער רוסישער ליבעראַלער אינטעליגענץ, געלערטע און קינסטלער, וואָס זענען דאַן געווען אין פּאַריז, ווי די פּראָפֿעסאָרן מעטשניקאָוו, מאַקסים קאָוואַלעווסקי, דע־ראָבערטי, גאַמבאַראָוו; די געוועזענע פּראָפֿעסאָרן פֿון אָדעסער אוניווערסיטעט א. פּאָסטניקאָוו און אָווסיאַניקאָ־קוליקאָווסקי; פּראָפֿ. טשופּראָוו, דער שריפֿטשטעלער ד"ר יעלפּאַטיעווסקי, דער קינסטלער באָטקין; ד"ר פּאָגאָזשעוו, קולאַקאָוו, פּריוואַט־דאָצענט פֿון מאָסקווער אוניווערסיטעט איוואַנאָווסקי, ד"ר לאָריס מעליקאָוו. ערן־מיטגליד איז געווען ל. נ. טאָלסטאָי. אין דעם איין חודש אויגוסט האָט די רוסישע אָפּטיילונג דורכגעפֿירט 16 לעקציעס, צווישן זיי אַ רעפֿעראַט פֿון מ. מ. ווינאַווער (איינציקער יידישער נאָמען, חוץ אַנ–סקין, וואָס איז דערמאָנט אין דער קאָרעספּאָנדענץ).

### 2. אַנ–סקיס פּראָצעס פֿאַר „פֿאַרברעכערישע מאַנוסקריפּטן"

(„סיעוועראָ־זאַפּאַדני גאָלאָס", ווילנע 1 יולי 1908. גועריכטס־כראָניק)

סוף יוני 1908 האָט די פּעטערבורגער „סודעבנע פּאַלאַטע" אין איר אַרויספֿאָרסעסיע אין וויטעבסק באַטראַכט ביי אָפֿענע טירן די „דיעלאָ" פֿון באַשולדיקן דעם ליטעראַטאָר אַנ–סקי אין אַ פֿאַרברעכן, וואָס ווערט פֿאָרויסגעזען דורך דעם אַרטיקל 132 פֿון קרימינאַל־קאָדעקס. דער גענויער באַריכט איז געדרוקט אין „סמאָלענסקי וויעסטניק".

דער באַשולדיקונגס־אַקט דערציילט אַט־וואָס:

„דעם 5 יאַנואַר 1907 האָט דער ראָטמיסטר פֿון באַזונדערן קאָרפּוס־זשאַנדאַרמעריע

peasantry does not support absolute monarchy

ביעלאָפּאָלסקי געמאַכט אַן אונטערזוכונג אין דער דירה פֿון ראַפּאָפּאָרטן, וואָס האָט געשריבן אונטערן פּסעוודאָנים ש. אַנ־סקי. ביי דער אונטערזוכונג איז געפֿונען געוואָרן אַ קאָרעספּאָנדענץ און מאַנוסקריפּטן פֿון אַ פֿאַרברעכערישן אינהאַלט. צווישן די לעצטע איז אויך געווען אַ מאַנוסקריפּט פֿון 66 זייטן אונטערן נאָמען „נאַראָד אי מאָנאַרכיזם" (דאָס פֿאָלק און דער מאָנאַרכיזם). אין דעם דאָזיקן ווערק באַמיט זיך דער מחבר צו באַווייזן, אַז דאָס רוסישע פּויערטום איז נישט קיין אָנהענגערין פֿון זעלבסטהערשנדיקן מאָנאַרכיזם און פֿילט נישט קיין צוגעבונדנקייט צו די צאַרן, — און די רוסישע געזעלשאַפֿט, וואָס מיינט אַנדערש, האָט אַ טעות. ווייטער, אין צווייטן קאַפּיטל, רעדט אַרום דער מחבר די אידעע פֿון דעם געטלעכן מקור פֿון דער אויבערשטער מאַכט און קומט צום באַשלוס, אַז „דאָס רוסישע פֿאָלק האָט די דאָזיקע אידעע אינגאַנצן נישט אויפֿגענומען". לויט דער מיינונג פֿון מחבר איז צוליב דעם, — וואָס מען ווערט אומזיסט אויף אַ מאַניפֿעסט וועגן אַוועקשענקען די פּויערים די גאַנצע ערד, — אַנטשטאַנען אַ לעגענדע, אַז דער צאַר איז פּאַקטיש באַגרענעצט אין זיין מאַכט דורך דעם אַדלשטאַנד און הויבט נישט אָן צו וויסן, וואָס ס'טוט זיך ביי אים אין דער מדינה. צוגלייך מיט דער פֿינסטערער פֿאָלקס־מאַסע, האָט זיך צווישן דעם פּויערטום אויסגעבילדעט אַן אינטעליגענץ, וואָס האָט שוין אַרויסגעוויזן מעשים און האָט אויפֿגענומען די סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערע פּראָפּאַגאַנדע „מיט אַן אָפֿענער נשמה, הייס, מיטליידנשאַפֿט".

דער צווייטער מאַנוסקריפּט אויף 16 זייטן טראָגט דעם נאָמען „וו דומע" (אין דער דומע). אין דעם דאָזיקן ווערק, דאַטירט פֿון 3 יולי, ווערט באַשריבן איינע פֿון די זיצונגען פֿון דער „גאָסודאַרסטווענע דומע" און דער מחבר קומט צו פֿאָלגנדיקן רעזיומע: „נאָך איינע־צוויי אַזעלכע זיצונגען, אַזוינע ענטפֿערס אויף די פֿראַגן, — און די „קאַדעטן" אַליין, די מעסיקסטע פֿון די מעסיקע, וועלן דאַרפֿן פֿאַרשטיין און דערפֿילן, אַז מיט די דאָזיקע טעמפּע, בלינדגעבאָרענע קאָנצעליאַרישע תּירוצים, מיט דער דאָזיקער שפּראַך פֿון די פּאַרלאַמענטאַרישע דעבאַטן וועט מען די רעוואָלוציע נישט קענען אָפּנאַרן, — אַז די איינציקע שפּראַך, וועלכע וועט ווערן פֿאַרשטענדלעך פֿאַר אונזערע מיניסטאָרן און וועט זיי צווינגען אויפֿצוטרייסלען זיך, איז די שפּראַך פֿון אויפֿגעשטאַנענעם פֿאָלק, די שפּראַך פֿון דער רעוואָלוציע גופֿא".

„ראַפּאָפּאָרט ווערט דעריבער באַשולדיקט, אַז ער האָט צונויפֿגעשטעלט מיטן צוועק צו פֿאַרשפּרייטן, — וואָס איז אָבער נישט פֿאָרגעקומען, — ווערק, אין וועלכע ס'ווערט אַרויסגעוויזן אַ חוצפּהדיקע אומאַכטונג צו דער אויבערשטער מאַכט און די באַפֿעלקערונג ווערט גערופֿן אַראָפּצוּוואַרפֿן די עקסיסטירנדיקע אין דער מלוכה געזעלשאַפֿטלעכע אָרדענונג, דהיינו: 1) אין דעם ווערק אונטערן נאָמען „נאַראָד אי מאָנאַרכיזם" ווערט די אויבערשטע מאַכט גערופֿן רויבער, וואָס רואינירט דאָס פּויערטום און זויגט אויס פֿון אים דאָס בלוט דורך דער רעקרוטשינע, הפֿקרות פֿון די באַאַמטע, רציחה און גוואַלטאַקטן, — און די פּויערים ווערן געהעצט איבערצוקערן די זעלבסטהערשעריש־מאָנאַרכיסטישע אָרדענונג און מיט געוואַלט צו פֿאַרכאַפּן די גאַנצע ערד און די גאַנצע פֿרייהייט. 2) אין דעם ווערק אונטערן נאָמען „וו דומע" ווערט די באַפֿעלקערונג געהעצט צו אַן אויפֿשטאַנד און רעוואָלוציאָנערער טעטיקייט, מיטן צוועק אַראָפּצוּוואַרפֿן די רעגירונג.

אויף דער פֿראַגע פֿון פֿאָרויצער וועגן דער שולד, האָט דער אָנגעקלאָגטער ראַ־

פּאַפּאָרט געענטפערט נעגאַטיוו און האָט דערנאָך געגעבן גענויע דערקלערונגען וועגן די מאַנוסקריפּטן.

דעם אַרטיקל „נאַראָד אי מאָנאַרכיזם" האָט ער צונויפגעשטעלט שוין לאַנג, אין יאָר 1904 אַלס אַ רעפעראַט פאַר אַ קרייזל פון רוסישע סטודענטן אין בערלין. נאָך ער האָט אים דאַן אויך איבערגעלייענט און אַוועקגעלייגט אין טישקעסטל אַלס אַ מאַטעריאַל פאַר אַן אַרבעט וועגן פאָלקסלעגענדעס, וואָס האָבן אַ שייכות צו דער טעמע וועגן ערד און קיסר. נאָך פריער, איז אים עטלעכע מאָל אויסגעקומען צוצוטרעטן צו דער באַאַרבעטונג פון די לעגענדעס, וואָס ער האָט צונויפגעקליבן, ווי דאָס איז קענ-טיק פון די ברוליאָנען, וואָס מען האָט ביי אים געפונען, אָבער די אַרבעט איז ביי אים נישט געגאַנגען און ער האָט זי געוואָרפן. נישט איין מאָל איז אים אויסגעקו-מען צו רעדן וועגן דער דאָזיקער אַרבעט מיט וואָראָנצאָוון [שריפטשטעלער], אָבער סוף-כל-סוף האָט ער אינגאַנצן אויפגעהערט צו טראַכטן וועגן איר און האָט זיך פאַר-נומען מיט בעלעטריסטיק.

דעם אַרטיקל „וו דומע" האָט ער צונויפגעשטעלט גלייך נאָך דער זיצונג פון דער דומע דעם 3 יולי 1906, רעכענענדיק צו שיקן אים אַלס אַ באַריכט אין אַ פּראָווינציעלער צייטונג, אָבער איבערקוקנדיק אים נאָכן אָנשרייבן, האָט ער זיך איבערצייגט, אַז ער טויג נישט צום דרוקן און האָט אים אַריינגעוואָרפן אין טישקעסטל".

די עדות און עקספּערטן האָבן באַשטעטיקט ראַפּאָפּאָרטס דערקלערונגען.

דער באַשולדיקער, געהילפס-פּראָקוראָר פון דער פּאַלאַטע זיבערט, געפינענדיק דעם אינהאַלט פון די מאַנוסקריפּטן פאַר פאַרברעכעריש, האָט זיך פונדעסטוועגן אָפּגע-זאָגט פון באַשולדיקונג, ווייל ס'איז פעסטגעשטעלט געוואָרן דורך די עדות די פריצ-דיקע צייט פון צונויפשטעלונג, פון וואָס ס'דרינגט אַרויס, אַז די מאַנוסקריפּטן האָבן זיך געפונען ביי ראַפּאָפּאָרטן נישט אויף צו דרוקן.

דער פאַרטיידיקער, געשוווירענער אַדוואָקאַט א. א. יאָהאַנסען, באַגריסנדיק דעם באַשולדיקונגס-אָפּזאָג, הגם אַ שטאַרק פאַרשפּעטיקטן, האָט באַוויזן, גרינדנדיק זיך אויף די מעטאָדן פון ראַפּאָפּאָרטס אַרבעט, די אַנטשטייונג פון די מאַנוסקריפּטן און זייער אינהאַלט, אַז ס'איז נישטאָ קיין פאַרברעכן אין אַ:-סקיס מעשים, און האָט געבעטן אים באַפרייען.

נאָך אַ האַלב-שעהדיקער באַראַטונג האָט די פּאַלאַטע אַרויסגעטראָגן אַ באַפרייונגס-אורטייל.

## 3. אַנ—סקיס קאַלענדאַרן

(„ראַדיו", 25 דעצעמבער 1909. ביבליאָגראַפיע).

פון יאָר 1907 אָן איז אַנ-סקי געווען דער רעדאַקטאָר פון דעם „אַלמאַנאַך-קאַ-לענדאַר דליאַ ווסיעך" (פאַר אַלעמען), וואָס דער פּעטערבורגער פאַרלאַג „ראַזום" האָט אַרויסגעגעבן יערלעך מיטן צוועק צו באַקענען דעם לייענער מיט די פאַרשיידענע נאַציאָנאַליטעטן, וואָס באַוווינען רוסלאַנד, און פאַרשפּרייטן ריכטיקע ידיעות וועגן דער ייד. באַפעלקערונג, האַבנדיק די אַלגעמיינע טענדענץ פון פאַרברידערונג און מענטשנליבע.

די קאַלענדאַרן, וואָס האָבן געהאַלטן יעדער בערך 10 דרוקבויגן און האָבן געקאָסט בס"ה צו 20 קאָפּ., זענען געווען געשריבן מיט אַ פּאָפּולערער שפּראַך, אויס-

געדעכנט אויף ברייטערע פֿאָלקס-קרייזן און האָבן געהאַט אַ וויכטיקע פּראָפּאַגאַנדיסטי-שע באַדייטונג.

די אוקראַינישע צייטונג „ראַדי" איז געווען געוואַלטיק נישט צופֿרידן מיט די דאָזיקע קאַלענדאַרן און דערהויפּט מיט זייער דריטן יאָרגאַנג 1910.

זי האָט געפֿונען, אַז אַנ—סקי שרייבט וועגן יידן צו גוט, וועגן אַנדערע נאַציאָ-נאַליטעטן האַלט זי זיך נישט פֿאַר קאָמפּעטענט, אָבער וועגן דער אוקראַינישער — איז זי אינגאַנצן נישט מסכּים.

די רעצענזיע איז זייער אַ שאַרפֿע און וואַרפֿט פֿאָר אַנ—סקין פֿאָלגנדיקע צוויי הויפּט-פֿאַרברעכנס:

ערשטנס, ווערט אין קאַלענדאַר געזאָגט, אַז אונטערן באַגריף מאַלאָראָסיע אָדער אוקראַינע פֿאַרשטייט מען דערהויפּט די גובערניעס טשערניגאָווער, פּאָלטאַווער, קיעווער, פּאָדאָלער און וואָלינער, — פֿרעגט די צייטונג: און ווו זענען כאַרקאָווער, קאַטערי-נאָסלאַווער, כערסאָנער, טאַווריע, קובאַן, כעלמער?

צווייטנס, איז פֿאַראַן אין קאַלענדאַר אַזאַ פּאַסוס: „פֿאַרטיידיקנדיק די פֿרייהייט פֿון מאַלאָראָסיע, האָבן די קאָזאַקן אַליין נישט געשאַנעוועט נישט די פֿרייהייט און נישט דאָס לעבן פֿון אַנדערע, — און דאָרט, וווּ זיי האָבן באַקומען די מאַכט צו טאָן לויט זייער ווילן, זענען זיי אַרויסגעטראָטן נישט ווי פֿאַרטיידיקער פֿון פֿרייהייט, נאָר ווי בלוטדורשטיקע חיות, דערהרגנדיק און מאַטערנדיק הונדערטער און טויזנטער אומשולדיקע, פֿאַרגוואַלדיקנדיק פֿרויען, אויסהרגנדיק קינדער, פֿרויען און זקנים. ביי דעם אויפֿשטאַנד (?) פֿון כמעלניצקין, ווי בעת דער היידאַמאַטשינע, זענען אויסגעקוילעט און פֿאַרברענט געוואָרן טויזנטער אומשולדיקע יידן. פֿאַרטיידיקנדיק זייער גלויבן, האָבן די קאָזאַקן נישט געשוינט קיין פֿרעמדן גלויבן און זענען באַגאַנ-גען דעם שרעקלעכסטן חלול הקודש איבער דעם געוויסן און הייליקייטן פֿון אַנדערע. מיט אַזאַ געווער פֿאַרטיידיקט מען נישט קיין פֿרייהייט" (ז. 149—150 פֿון קאַלענדאַר). [קורסיוו און פֿרעגצייכן פֿון רעצענזענט].

די צייטונג האַלט, אַז אַנ—סקי ווייס נישט די אוקראַינישע געשיכטע, האָט גע-שעפּט זיינע ידיעות וועגן די אוקראַינער פֿון גאַלאַנטס בראָשורן און רעקאָמענדירט דעם פֿאַרלאַג „ראַזום" אויסצוזוכן אַן אַנדער רעדאַקטאָר...

## 4. אַנ—סקיס 25 יאָריקער ליטעראַרישער יובל

(„רעטש", פּעטערבורג 29 דעצעמבער 1909. „פּעטערבירגסקאַיאַ גאַזעטאַ" ד. ד.; „הר הזמן" 29 און 31 דעצ.; „קיעווסקי וויעסטניק" 31 דעצ.; „ראַזסוויעט" 3 יאַנואַר 1910; „אָדעס-קיאַ נאָוואָסטי" 6 יאַנ.; „נאָווי וואָסכאָד" ד. ד.; „פֿריינד" 7 יאַנ; „יעווריייסקי מיר" 8 יאַנואַר; „הר הזמן" 9 יאַנ.; „רעטש" 11 יאַנ.; „פֿריינד" 12 יאַנ.; „דער שטראַל" 14 יאַנ.; „הר הזמן" 15 יאַנ.; „יעווריייסקי מיר" 21 יאַנ.; „נאָ-וואַיאַ וורעמיאַ", פּעטערבורג 22 יאַנ.; „כאַרקאָווסקיאַ וויעדאָ-מאָסטי" 27 יאַנ.; „קיעווסקאַיאַ מיסל" 1 און 2 פֿעבר.; „קיעווסקי וויעסטניק" 2 פֿעבר.)

דער יובל פֿון אַנ—סקיס 25 יאָריקער ליטעראַרישער שאַפֿונג ווערט דאָ דאַטירט פֿון זיין דערציילונג „איסטאָריאַ אָדנאָוואָ סעמייסטוואַ" (די געשיכטע פֿון אַ פֿאַמיליע),

וואָס איז געווען געדרוקט אין די לעצטע פיר ביכלעך פון יאָר 1884 אין „וואָסכאָד".

דער יובל איז געפייערט געוואָרן צום ערשטן מאָל דעם 27 דעצעמבער 1909, 8 אָוונט, אין בנין פון דער ייִדישער שול אין פעטערבורג (אָפיצירן-גאַס 42) אויף אַן אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג פון די מיטגלידער פון דער ייִדישער ליטעראַרישער געזעל-שאַפט מיט פאָלגנדיקן פּראָגראַם (לויט דער אָפיציעלער געדרוקטער איינלאַדונג, וואָס איז אויך אויפגעהיט געוואָרן אין בוך): 1) מיטטיילונגען פון ש. גינזבורג, י. צינבערג און מ. ריווקין אונטערן טיטל: „צו דער 25 יאָריקער ליטעראַרישער טעטיקייט פון ש. אַנ–סקי". 2) פאָרלייענונג פון אַנ--סקיס ווערק: א) נ. ל. פעלטענשטיין – די מוטער, די לופט; ב) י. אי. פיינשמידט — „בומאַגי", „מענדל טוראָק" (פראַגמענטן); ג) מ. ס. ריוועסמאַן – „בריוו פון יענער וועלט"; ד) ב. ס. נעוואָלין – „סוד", „נאַד טשעם רידאַיעט אָן"; ה) נ. ל. פעלטענשטיין - „די צוימענברעכער".

דער פעטערבורגער קאָרעספּאָנדענט פון „קיעווסקי וויעסטניק" ה׳ מאַקאָר שרייבט, אַז „די ליטעראַרישע יום-טובים אין דער הויפּטשטאָט האָבן שוין לאַנג נישט געטראָגן אַזאַ אויפריכטיקן, האַרציקן כאַראַקטער, ווי דער יובל פון ש. אַנ-סקי, דעם אַלטן „נאַראָדניק", וועלכער איז אַריינגעפירט געוואָרן אין דער ליטעראַטור דורך גליעב אוספּענסקי און ק. סטאַניוקאָוויטש און האָט זיך ענדגילטיק ליטעראַריש פאָרמירט אונ-טער דער דירעקטער ווירקונג פון פּיאָטר לאַוראָוו. אין דעם יובל-אָוונט, וועלכער איז געפייערט געוואָרן אין ענגן קרייז פון ייִדן-שריפטשטעלער, האָבן אַנ–סקין ווי אַן על-טערן חבר אַרומגערינגלט מיט פריינטשאַפט אייזמאַן, ביקערמאַן, ברוסילאָווסקי, גאָרנ-פעלד, ריווקין".

די פרעסע איז געווען פול מיט אַרטיקלען, נאָטיצן און ביאָגראַפישע ידיעות וועגן ש. אַנ–סקי. גרעסערע אַרטיקלען האָבן געשריבן: ש. גינזבורג („ראַזסוויעט"), א. גאָרנ-פעלד („נאָווי וואָסכאָד"); י. צינבערג („יעווריסקי מיר").

די פייערונגען האָבן זיך געצויגן אין משך פון אַ חודש צייט און זענען פאָר-געקומען אין פאַרשיידענע שטעט, דער עיקר אין די אָפטיילונגען פון דער ייִדישער ליטעראַרישער געזעלשאַפט.

חוץ דעם אָוונט פון 27-טן דעצעמבער 1909 איז באַזונדערס פייערלעך אויך אַרי-בער דער באַנקעט, וואָס איז איינגעאָרדנט געוואָרן אין פעטערבורג אין מיכאַלעוויטשעס רעסטאָראַן דעם 9-טן יאַנואַר 1910.

גענויערע באַריכטן וועגן באַנקעט האָבן געגעבן בן-חיים – י. יאַשונסקי („פריינד") און אי. טש. – א. טשעריקאָווער („יעווריסקי מיר").

באַגריסט האָבן אַנ–סקין: מ. טריוואַוס („אָפּע"), ש. גינזבורג (ייד. ליט. געז.) מ. ווינאַווער (היסט.-עטנ. געז.), א. אידעלסאָן („ראַזסוויעט"), י. סאַקער („יעווו. מיר"), ג. סליאָזבערג („נאָווי וואָסכאָד"), זעלדאָוו-ניעמאַנסקי (פון אַ גרופּע פאַרערער), י. מאַר-קאָן (חובבי שפת עבר), י. טשערנאָמאָרדיק (ייִדישע מוזיק. געז.), שאַליט (פון אַ גרופּע ייִדישע שילער אין קאָנסערוואַטאָריע). אַלע באַגריסונגען זענען געהאַלטן געוואָרן אויף רוסיש, חוץ צוויי — פון נעמאַנסקי און שאַליט, וועלכע האָבן גערעדט אויף ייִדיש. אויך אַנ–סקיס ענטפער-רעדע איז געהאַלטן געוואָרן אויף רוסיש און איז בלויז פאַר-ענדיקט געוואָרן מיט אַ פּאָר ייִדישע ווערטער. צווישן צענדליקער שריפטלעכע באַגרי-.

Shalit's Yiddishism

סונגען האָט זיך אויך געפונען אַ דעפּעשע פון דער רעדאַקציע „רוסקאָיע באָגאַטסטוואָ“ און אַ פריינדלעכער בריוו פון נ. פּ. אַננענסקי.

אַ באַזונדערן אינטערעס האָט אַנ—סקיס ענטפער אויף די באַגריסונגען. בעריכט-אָפּגעבער שרייבן, איז דאָס געווען אַן אויסערגעוויינלעך-האַרציקע, אויפריכטיקע און ריירנד-טרויעריקע רעדע. גיכער פון אַלץ — אַ ווידוי:

— „שווער איז דער גורל פון אַ שרייבער בכלל, — האָט אַנ-סקי געזאָגט,— אָבער באַזונדערס שווער איז דער גורל פון אַ שרייבער אַ ייִדן. זיין נשמה איז צעריסן, ער לעבט אויף צוויי גאַסן, מיט דריי שפּראַכן. לעבן אויף אַזאַ מין „גרענעץ“ איז אַן אומגליק, — און דאָס גראָד איז מיר אויסגעקומען אַריבערצודער ליטעראַטור, האָט זיך אין מיר אויפגעוועקט די שטרעבונג צו אַרבעטן לטובת די געדריקטע, פאַר די אַרבעטנדיקע מאַסן, און עס האָט זיך מיר דעמאָלט געדוכט, — און דאָס איז געווען מיין טעות, — אַז צווישן ייִדן וועל איך זיי נישט געפינען. איך האָב געהאַלטן, אַז ס'איז אוממעגלעך צו שטיין מן הצד פון פּאָליטיק, און ווידער האָב איך ביי ייִדן נישט געפונען קיין פּאָליטישע שטרעמונגען. טראָגנדיק אין זיך אַן אייביקע שטרעבונג צום ייִדנטום, האָב איך זיך געוואָרפן אויף אַלע זייטן און בין אַוועק אַרבעטן צו אַן אַנדער פאָלק. מיין לעבן איז געוואָרן צעבראָכן, צעשפּאָלטן, צעריסן. איך געהער נישט צו די, וואָס האָבן געהאַט דאָס גליק אויסצוואַקסן אין זייער אייגענער סביבה, און נאָרמאַל איז געווען זייער שאַפן. אַ סך יאָרן זענען אַוועק ביי מיר אויף דער „גרענעץ“, אויף דער מחיצה צווישן די ביידע גאַסן, — און דעריבער בעט איך פון דעם 25-יאָריקן סך-הכל פון מיין ליטעראַרישער אַרבעט אויסשניידן 16 יאָר. אָבער אויך אָט די צייט, וואָס איז נישט געווען געווידמעט ליטעראַטור, איז נישט אַוועק פאַר מיר אומזיסט. איך האָב אַ לאַנגע צייט געלעבט צווישן רוסישן פאָלק, בין געווען צווישן די אונטערשטע שיכטן זיינע, אָבער אין ערגעץ בין איך נישט באַליידיקט געוואָרן פאַר מיין נאַציאָנאַליטעט, וועלכע איך האָב קיינמאָל נישט געקאָנט און נישט געוואָלט באַהאַלטן. לעבנדיק צווישן רוסישן פאָלק, בין איך אויך געווען באַפריינדעט מיט די פאָרשטייער פון דער רוסישער אינטעליגענץ. איך האָב געהאַט די זכיה צו שטיין נאָענט צו פערזאָנען, וואָס דאָס רוסישע פאָלק וועט זיי תמיד דערמאָנען מיט ליבע, — און עס לעבט אין מיר די האָפענונג, אַז עס וועלן פאַרשווינדן די איצטיקע פינסטערע צייטן, ווייל דאָס רוסישע פאָלק האָט נישט אין זיך קיין שנאה צו ייִדן. מיט טויזנטער יאָרן צוריק האָבן ייִדן געלעבט אין זייער לאַנד. מיר האָבן עס אָנגעוואָרן. ייִדן האָבן זיך באַשאַפן אַ צודעק פון דינים און מנהגים. מיר האָבן דאָס אויך אָנגעוואָרן. און איצט מוזן מיר ביי זיך אין האַרצן באַשאַפן עפּעס פעסטעס, וואָס זאָל אונז געבן די מעגלעכקייט צו לעבן אַלס אומה, אַלס פאָלק. איצט איז ביי אונז אַנדערש, ווי דאַן, ווען איך האָב אָנגעשריבן מיין ערשטע דערציילונג. מיר האָבן הן קול-טורעלע, הן פּאָליטישע שטרעמונגען והן אַ ליטעראַטור. זאָל לעבן דאָס ייִדישע פאָלק, זאָל לעבן די ייִדישע ליטעראַטור, זאָל לעבן אַלדאָס גוטס ביי ייִדן! איך גלויב אין אַ בעסערער צוקונפט און אין דעם קיום פון ייִדישן פאָלק!“

די פּראָגרעסיווע רוסישע פּרעסע האָט וואַרעם באַגריסט אַנ-סקין צו זיין יובל און האָט אָפּגעדרוקט צענדליקער פריינדלעכע נאָטיצן.

(בלויז די אַנטיסעמיטישע „נאָוואָיע וורעמיאַ" — און נאָך איר די „כאַרקאָווסקאַ זיעדאָמאָסטי" — האָט זיך נישט געקאָנט איינהאַלטן און האָט באַגלייט אַנ-סקיס יובל מיט אַ גיפטיקער נאָטיץ, וואָס חוזקט אָפּ דערהויפּט פון די „צוויי נאַסן מיט די דריי שפּראַכן") *).

אַנ-סקי איז געווען שטאַרק גערירט פון די אַלע יובל-פייערונגען, אַרטיקלען, נאָטיצן און באַגריסונגען, וואָס האָבן אַרויסגעוויזן אַזאַ האַרציקע אויפמערקזאַמקייט צו זיין ליטעראַרישער אַרבעט און האָט אין אַ בריוו אין רעדאַקציע („יעווריייסקי מיר", 1910, 8; „ראַזסוויעט", 1910, 9), באַדאַנקט די אַלע אינסטיטוציעס און פּערזאָנען.

## 5. אַנ-סקיס „דורכפאַל" ביי דער אַנטיסעמיטישער פּרעסע

אין דער ערשטער העלפט אָקטאָבער 1910 האָט אַנ-סקי אָפּגעדרוקט אין „יעווריייסקי מיר" (נומ' 23–24) אַן אַרטיקל אונטערן נאָמען „קאָליבעלנאַיאַ אַסימיליאַציאַ" (אַסימילאַציע פון דער וויגעלע אָן), וואָס האָט אַרויסגערופן אַ „שטורעם"... אין דער אַנטיסעמיטישער פּרעסע, וועלכע האָט זיך דערפרייט מיט דער געלעגנהייט צו קאָנען אָנפאַלן און „דיסקרעדיטירן" די פּראָגרעסיווע שרייבער יידן, וואָס באַטייליקן זיך אין דער רוסישער ליטעראַטור.

דער עיקר האָבן זיך אָנגעכאַפּט די שוואַרצמאַהדיקע צייטונגען אָן פאָלגנדיקע שורות פון אַרטיקל:

„דער קאַמף מיט דער „וויגעלע-אַסימילאַציע" דאַרף זיך אָנהויבן פון פאַרבייטן די קריסטלעכע ניאַניע אָדער באָנע אויף אַ יידישע. מיר האַלטן, אַז ס'איז גאָרנישט אַזוי שווער דאָס דורכצופירן אַפילו מחוץ דעם „תחום המושב" (ווו יידן האָבן רעכט צו האַלטן יידישע דינסטן). זאָלן זיך נאָר באַוויזן אָנבאָטן, און צווישן דער יידישער אָרעמשאַפט וועלן זיך געפינען הן גוטע ניאַניעס והן אויסגעצייכנטע באָנעס. אַפילו מיט דער פראַגע וועגן „כשר-עסן", ווו אַזאַ וועט זיך שטעלן, וועט זיין נישט אַזוי שווער צו געבן זיך אַן עצה. אָרדנט מען דאָך איין באַזונדערע געריכטן פאַר אַ רוסישער

---

*) די נאָטיץ (אין דער יידישער איבערזעצונג) לייענט זיך אַזוי:

„עפּעס אַ מערקווירדיקער שרייבער ש. אַנ—סקי האָט געפייערט זיין 25-יאָריקן יובל. נישט קוקנדיק אויף דעם, וואָס ביז איצט האָט ער זיך נישט געקאָנט געפינען קיין פאַמיליע. אַפילו אונטער זיינע פּאָרטרעטן איז אונטערגעצייכנט ס. א. אַנ—סקי. אויב דאָס איז אַ פּסעוודאָנים, איז עס אויך מיט אַן אויסשניט. אויף דעם יובל, וואָס מען האָט געפייערט אין מיכעלעוויטשעס גאָרקיך האָט מען, פאַרשטייט זיך, געהאַלטן רעדעס.

שווער איז דער גורל פון אַ שרייבער בכלל, אָבער באַזונדערס שווער איז דער גורל פון אַ שרייבער אַ יידן, וויל זיין נשמה איז צעריסן, ער לעבט אויף צוויי נאַסן, מיט דריי שפּראַכן. לעבן אויף אַזאַ מין „גרעניץ" איז אַן אומגליק, — און דאָס איז אויסגעקומען צריבערצוטראָגן דעם בעל-היובל.

„אויף צוויי נאַסן", — „מיט דריי שפּראַכן" — און „אויף אַ גרעניץ"...
אַזאַ מין קונצנשטיקל קען מען אין קיין שום צירק נישט געפינען".

ניאַניע, וואָס היט אָפּ תעניתים. אין פאַרוואָס זאָל מען נישט געבן די מעגלעכקייט אַ יידישער אַלטיטשקער-ניאַניע צו קאָכן פאַר זיך כשר עסן? נאָר מיטן איין פאַרבייטן די קריסטלעכע ניאַניע אויף אַ יידישע שעפּט זיך, נאַטירלעך, נישט אויס די פראַגע פון דער „וויגעלע אַסימילאַציע": ס'איז נאָך נויטיק צו באַשאַפן אַ „יידישן קינדער-צימער" און די מיטלען און פאָרמען פון דער יידישער עלעמענטאַרע דערציונג (קינדער-גאָרטנס וכדומה)".

די „נאָוואָיע ווערעמיאַ", וואָס האָט דאָ ווי שטענדיק די ערשטע געגעבן דעם טאָן, באַגלייט (נומ' פון 8 אָקטאָבער 1910) די עטלעכע אַרויסגעכאַפּטע שורות מיט אַזאַ מין פירוש: „אין דער רוסישער ליבעראַלער פרעסע דעקלאַרירן זיך די יידן פאַר איבער-צייגטע קאָסמאָפּאָליטן און פירן אַ שטענדיקן קאַמף קעגן „זאָאָלאָגישן נאַציאָנאַליזם", און אין זייערע אייגענע ספּעציעל-יידישע זשורנאַלן פּראָפּאַגאַנדירן זיי דעם סאַמע רויבערישן יידישן נאַציאָנאַליזם. דער נישט-אומבאַקאַנטער אין די ראַדיקאַלע אָרגאַנען ה' ש. אַנ-סקי האָט אין דעם לעצטן נומער פון „יעוור. מיר" געגעבן זיינע גלויבנסגענאָסן אַזאַ מין געבאָט (דאָ קומען די ציטירטע שורות). מען קען זאָגן, איינגאַנצן אַ „כשרער" ראַדיקאַל! אין דער רשימה פון די שטענדיקע מיטאַרבעטער פון דעם אָרטאָדאָקסאַלן יידישן זשורנאַל (געמיינט „יעוור. מיר") געפינען זיך נישט ווייניק נעמען, וואָס פינקלען און האָבן געפינקלט אין „רעטש", „סאָווערעמענאָיע סלאָוואָ", „טאָוואַרישטש" א. אַ. זאַלע פּראָגרעסיוו-רוסישע צייטונגען). ווי אייזמאַן, אייזנבערג, בערלין, ביקערמאַן, באָ-רעצקי, ברוידאָ (ביבליאָטעקאַר פון דער קייזער־לעכער עפנטלעכער ביבליאָטעק), געסען, גרוזענבערג, גורעוויטש, א. ל. ד'אָר, קראָל, לאַנדוי, עטלעכע לעווינס, לוואָוו, מאַרגוליס, פּאָרטוגאַלאָוו, ראַטנער, סטאָלפּנער, דמ. צענזאָר, — ד. ה. כמעט דער גאַנצער בוקעט פון אונזער קעמפערישן קאָסמאָפּאָליטיזם".

די נאָטיץ פון „נאָוואָיע ווערעמיאַ" האָבן איבערגעדרוקט „ניקאָלאַיעווסקאַיאַ גאַזעטאַ" (נומ' פון 13 אָקט.), „קאַזאַנסקי טעלעגראַף" (17 אָקט.) א. אַז. וו.

### 6. אַנ-סקיס שטעלונג צום חדר

דעם 1 אַפּריל 1913 האָט אַנ-סקי אויף דער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג פון דער קיעווער אָפּטיילונג פון „מפיצי השכלה" געהאַלטן אַ $2\frac{1}{2}$ שעהדיקע פאַרטיידיקונגס-רעדע לטובת דעם חדר.

דער מיטאַרבעטער פון „קיעווסקאַיאַ מיסל" מ. ליראָוו (משה ליטוואַקאָוו) האָט זיך אָפּגערופן אויף דער רעדע מיט אַ שאַרפן קעגן-אַרטיקל אונטערן נאָמען „רעאַקציאָ-נגאַיאַ מוס" (נומ' 96, 6 אַפּריל 1913). ליראָוו פאַרזיכערט: „איך גיב איבער ג ע נ ו י דעם אינהאַלט פון אַנ-סקיס רעדע לויט מיינע נאָטיצן".

און דער דאָזיקער אינהאַלט, וועלכן ליראָוו באַצייכנט אַלס „רעאַקציאָנער און באמת סענסאַציאָנעל" („פאַר אַ געוויסענעם פערזענלעכן סעקרעטאַר פון לאַווראָוו (אין משך פון 16 יאָר); פאַר אַ געוויסענעם מיטקעמפער פון נ. ק. מיכאַלאָווסקי; פאַר אַ שטענדיקן מיטאַרבעטער פון „רוסקאָיע באָגאַטסטוואָ"), איז פאָלגנדיקער:

ביי יידן איז די פאָלקסבילדונג שטענדיק געשטאַנען אויפן ערשטן פּלאַן בעת דער באַלאַגערונג פון ירושלים דורך די רוימער האָט דער בעסטער

פאַרטרעטער פון דעמאָלטיקן יידנטום געשטעלט די גייסטיקע אַקאַדעמיע אין
יבנה העכער פון דער פּאָליטישער זעלבסטשטענדיקייט. די שול-דערציונג בײַ יידן
האָט אַלעמאָל געטראָגן אַן אידעאַליסטישן כאַראַקטער, זי האָט קיינמאָל נישט
געהאַט קיין צילן פון צוגרייטן דעם קינד צו די פאָדערונגען פון לעבן און
פּראַקטישע נוצן. דער חדר איז טאַקע די שול, וואָס האָט אין משך פון 20 יאָר-
הונדערטער אויפגעהיט דעם נאַציאָנאַלן גייסט פון יידישן פאָלק. דער חדר פאַר-
בינדט דאָס יידישע קינד מיט דער נאַציאָנאַלער פאַרגאַנגנהייט: ער באַקאַנט
אים מיט זײַן פּאַלעסטינע, מיט זײַן קעניג שלמה. דער חדר גיט אין אים
אַריין די הויכע ביבלישע מאָראַל. דער חדר באַקאַנט אים מיטן תּלמוד, וואָס
שאַרפט דעם יידישן מח. אַדאַנק דעם חדר האָט דאָס יידנטום געקענט אין
משך פון איין דור אַריבערגיין פון רבּיניזם און אַרויסגעבן אַזעלכע גרויסע
מענטשן ווי מאַרקס און לאַסאַל, ערליך און רובינשטיין. דער חדר איז נישט
היגיעניש? אָבער די יידן קומען גאָרנישט אום פיזיש: ווען זיי טראָגן זיך אַרו-
בער אין אַ מער גינסטיקער סביבה, אין ענגלאַנד אָדער אַמעריקע לעבן זיי שנעל
אויף. און אין דער היים וווינען די תּלמידים פון חדר אין בעסערע היגיענישע
באַדינגונגען? איז דען נישט בעסער פריער צו פאַרנעמען זיך מיט געזונט מאַכן
די וווינונגען פון די אומבאַמיטלטע קלאַסן, און ערשט דערנאָך אַריינפירן היגיענע
אין די חדרים? מען זאָגט, אַז דער חדר איז אַנטיפּעדאַגאָגיש. פּעדאַגאָגיק אין
פונקט ווי היגיענע נישט קיין גענויע וויסנשאַפט. אָט האָט אַ בעזגראַמאָטנע
ניאַניע געגעבן רוסלאַנד פּושקינען. וויכטיק איז, אַז דער מלמד זאָל זײַן אימ-
שטאַנד איבערצוגעבן דעם תּלמיד די טיפענישן פון דער יידישער נשמה. פאַר-
בלייבט נאָך דער קאָנפעסיאָנאַליזם פון חדר. אָבער שרעקלעך איז נאָר דער קלע-
ריקאַליזם, ווי אַ שטרעבונג צו פּאָליטישער הערשאַפט, אָבער נישט רעליגיע
בכלל און יידישע רעליגיע בפרט".

פאַר זײַן אַרטיקל קעגן אַנ-סקין האָט ליראָוו געכאַפּט אַן אָפּשניט פון איבן-דאַאוד
[א. אידעלסאָן] אין "ראַזסוויעט" (נומ. 17, 1910), וועלכער כאַראַקטעריזירט ליראָווס קרי-
טיק ווי אַ "סמאָרגאָנער שטאַנדפּונקט" אין אַ "פּראָווינציאָנעלער צײַטונג" און מאַכט חוזק
פון ליראָווס "פּראָגרעס".

## .7 אַנ-סקי — און דער יידישער לעגיאָן

ווי ס׳גיט איבער די פּעטראָגראַדער צײַטונג "דיען" (נומ. 267),
27-טן נאָוועמבער 1915 געהאַלטן אין דער יידישער ליטעראַרישער געזעלשאַפט אַ ספּעצ-
ציעלן רעפעראַט איוף דער טעמע "דאָס נאַציאָנאַלע פּראָבלעם פון יידנטום", וואָס אין
געווען געווידמעט זײַן באַציונג צום יידישן לעגיאָן:

"דער צענטראַלער געדאַנק פון רעפעראַט איז געווען, אַז די יידן דאַרפן אין דער
איצטיקער וועלט-מלחמה פאַרווירקלעכן זייער טויזנטיאָריקע נאַציאָנאַלע אויפגאַבע, ד. ה.
אויפריכטן די יידישע מלוכה אין פּאַלעסטינע. דעם דאָזיקן ציל דאַרף דינען די באַשאַ-
פונג פון אַ יידישן לעגיאָן דערהויפּט פון ענגלישע און אַמעריקאַנישע יידן, וועלכע זאָלן
צוזאַמען מיט ענגלענדער און פראַנצויזן דעראָבערן פּאַלעסטינע."

ווייטערדיקע ידיעות וועגן אַנ—סקיס שטעלונג צום יידישן לעגיאָן געפינען מיר אין „אָדעסקיאַ נאָוואָסטי״ (נומ. 9960, 28 יאַנואַר 1916, אַרטיקל „וועגן די שטימונגען פון דער אינטעליגענץ״).

„די טעג איז מיר אויסגעקומען, — האָט דערציילט אַנ—סקי דעם מיטאַרבעטער פון דער צייטונג — צו לייענען אין קיעוו אַ רעפעראַט אויף דער טעמע וועגן די רעאַלע און מיסטישע יסודות פון דער יידישער משיחות. אין רעפעראַט האָב איך זיך אויך אָפגעשטעלט אויף דער פרינציפיעלער פראַגע וועגן די יידישע לעגיאָנען אין די רייען פון די פאַרבינדעטע אַרמייען. די דאָזיקע אידעע איז ווי באַוווּסט שוין פאַרווירקלעכט געוואָרן. לויט דער איניציאַטיוו פון זשאַבאָטינסקי זענען אין אַלעקסאַנדריע אָרגאַניזירט געוואָרן יידישע לעגיאָנען, וואָס צוזאַמען מיט פראַנצויזן און ענגלענדער קעמפן זיי העלדיש אויף די גאַליפּאָלער פּאָזיציעס. נישט זייענדיק קיין ציוניסט, בין איך אָבער אינגאַנצן מסכים מיט זשאַבאָטינסקיס שטאַנדפּונקט. דאָס אַלטע, גראָע יידישע פאָלק צערטלט אין זיין פיללײַדנדיקער נשמה שוין צוויי טויזנט יאָר דעם חלום וועגן דעם לאַנד, וואָס האָט אַדאַנק אים באַפרוכפּערט די מענטשהייט מיט אַ הויכער וועלט-קולטור. אין דעם, וואָס קיין איין מאָמענט האָט זיך דאָס יידישע פאָלק נישט צעשיידט מיט דעם דאָזיקן חלום, אין דעם, וואָס אַט דער טרוים גייט דורך ווי אַ רויטער פאָדעם דורך זיין רעליגיע, קולטור, לעגענדעס, — אין דעם אַלעם איז פאַראַן עפּעס, צו וואָס מען דאַרף זיך און וואָס צווינגט צוצוהערן זיך. פּאַלעסטינע איז געשאַפן געוואָרן דורכן יידנטום. און איצט, אין אַזוינע אויסשליסלעכע היסטאָרישע מאָמענטן, ווען ס׳גייט דער גרויסער איבערבוי פון דער וועלט, איז דער ערן-חוב פון דער נאַציע צו פּראָקלאַמירן אירע היסטאָרישע רעכט אויף פּאַלעסטינע. ס׳איז נישט גענוג צו מעלדן וועגן רעכט און אָנצוגעבן בקשות. ס׳איז נויטיק אַרויסצווייזן די גרייטקייט אויף אַוועקצוגעבן דאָס לעבן, ס׳איז נויטיק אַ געוויסע ריזיקע, — אָן דעם קאָן נישט זיין קיין רייד וועגן רעכט אויף דעם הייליקן לאַנד. די וויכּוחים וועגן דעם, אויף וויפל אַזאַ מין שריט קאָן זיין פּראָדוקטיוו, — אָפּהענגיק, נאַטירלעך, פון אויסגאַנג פון דער וועלט-מלחמה, — קאָנען אונז צו ווייט פאַרפירן. אַלנפאַלס בין איך דורכאויס מסכים מיט זשאַבאָטינסקין. אַז דאָס יידישע פאָלק האָט געדאַרפט איצט פּראָקלאַמירן וועגן זיינע רעכט און באַפעסטיקן זיין מעלדונג מיט באַשטימטע מעשים״.

דעם זעלבן געדאַנק האָט אַנ—סקי באַשטעטיקט אין זיין אינטערוויו מיטן מיטאַרבעטער פון „בעסאַראַבסקאַיאַ זשיזן״ (נומ. 41, 28-טער פעברואַר 1916) נאָך זיין רעפעראַט, וואָס ער האָט געהאַלטן אין זאַל „אָרפעאום״ אויף דער טעמע: „די לעגענדעס פון אַלטע שטיינער״ (און פריער וועגן דער „יידישער פאָלקסשאַפונג״).

„אַנסקיס שטימונג, — שרייבט די צייטונג, איז דורכגעדרונגען מיט דעם זעלבן ליכטיקן אָפּטימיזם, וואָס ער האָט באַטאָנט אין אַלע יידישע לעגענדעס, וועלכע ער האָט איבערדערציילט אויף זיינע צוויי לעקציעס אין קעשענעוו״.

וואָס איז שייך דער פראַגע וועגן די יידישע לעגיאָנען האָט אַנ-סקי אַזוי געענטפערט:

„איך האַלט זשאַבאָטינסקין פאַר די סאַמע גרעסטע, סאַמע טאַלענטפולסטע פערזענלעכקייט צווישן די ציוניסטן. אין דער איצטיקער באמת אַפּאָקאַליפּטישער צייט, ווען די וועלט ווערט איבערגעבויט און אַלע אונטערדריקטע קליינע פעלקער דערוואַרטן פון נצחון פון דער אַנטאַנט זייער באַפרייונג און אויפלעבונג, — האָט דאָס אַלטע, אויסגעמאַטערטע יידישע פאָלק נישט נאָר רעכט, נאָר איז מחויב אַרויסצושטעלן זיינע רעכט אויף זיין היסטאָריש פאָטערלאַנד — אויף ציון. דאָס איז — דער חוב פון כבוד און געוויסן פון יידישן פאָלק. נישט אָפּשטעלנדיק זיך אויף די קאָנקרעטע רעזולטאַטן פון זשאַבאָטינסקיס פרווו וועגן די לעגיאָנען. — וויל איך נאָר זאָגן, אַז איך וואָלט געוועזן גליקלעך אָפּצוגעבן די לעצטע יאָרן פון מיין לעבן אויף צו פאַרווירקלעכן די גראַנדיעזע נאַציאָנאַלע אידעע, וואָס וואָלט אומגעקערט דאָס יידישע פאָלק צו די העראָאישע צייטן פון די מכבייער און בר־כוכבא".

reinstate Jew. heroism

## 8. אַנ—סקי אויף דעם אַלרוסישן טעאַטער־צוזאַמענפאָר

(„רוסקאָיע סלאָווא", „אוטרא ראָסיאי", „רוסקיא וויעדאָמאָסטי", „טעאַטראַלנאַיאַ גאַזעטאַ", „יעווריייסקאַיאַ נעדעליאַ", „יעווריייסקאַיאַ זשיזן"—מאָסקווע; „רעטש", „בירזשעוויאַ וויעדאָמאָסטי", „דיען", „טעאַטער אי איסקוסטוואָ"—פּעטראָגראַד. נומערן פון 2—10 יאַנואַר 1916).

דער ערשטער אַלרוסישער צוזאַמענפאָר פון די טוער אויפן געביט פון פאָלקסטעאַטער איז פאָרגעקומען אין מאָסקווע אין משך פון די צען טעג: 27 דעצעמבער 1915 — 5 יאַנואַר 1916. אין צוזאַמענפאָר האָבן זיך באַטייליקט 373 דעלעגאַטן פון גאַנץ רוסלאַנד, ס'זענען געהאַלטן געוואָרן 37 רעפעראַטן און 29 באַריכטן. רעזאָלוציעס איז אַרויסגעטראָגן געוואָרן — 87.

אויפן צוזאַמענפאָר האָט זיך אויסגעטיילט אַ סעקציע פון „נאַציאָנאַלע גרופּעס", אין וועלכער ס'זענען אַריין: אוקראַאינער, יידן, אַרמענער, טאַטאַרן, ליטווינער, צוזאַמען אַ מאַן 15—20. די פּאָליאַקן זענען געשטאַנען פון דער ווייטנס און האָבן נישט געשיקט קיין רעפערענט וועגן פוילישן טעאַטער. וועגן דעם טעאַטער פון די איבעריקע אויסגערעכנטע נאַציאָנאַליטעטן זענען אויפן צוזאַמענפאָר געהאַלטן געוואָרן באַזונדערע רעפעראַטן.

אין 24־קעפּיקן פּרעזידיום פון צוזאַמענפאָר איז, אַלס קאַנדידאַט פון די נאַציאָנאַלע גרופּעס, איינשטימיק אויסגעקליבן געוואָרן ש. אַנ—סקי, וועלכער האָט אויך געהאַלטן אַ גרויסן רעפעראַט וועגן מצב פון יידישן טעאַטער (פון די איבעריקע יידישע דעלעגאַטן האָבן זיך אין צוזאַמענפאָר באַטייליקט: ז. אָקון, ב. גורעוויטש, א. פוקס, ס. ראָזאָווסקי, מ. ראַסקין).

אַנ—סקי האָט אין זיין רעפעראַט געשילדערט די געשיכטע און מאַרטיראָלאָגיע פון יידישן טעאַטער (גענויער איבערגעגעבן אין נומ' 2 פון „יעווריייסקאַיאַ זשיזן", 1916).

דער צוזאַמענפאָר איז געשטאַנען, חוץ זיין טיפן פאַכמענישן און קינסטלערישן

אינהאלט, אויף זייער א הויכן דעמאקראטישן ניווא. צווישן די פילצאליקע באגריסונגען
זענען אויך געווען אדרעסן פון ארבעטער, פויערים און נאציאנאלע מינדערהייטן.
90 פראצענט פון די דעלעגאטן זענען געווען רוסן.
צווישן די שלוס-רעדנער פון צוזאמענפאר איז אויך געווען ש. אנ-סקי, וועלכער
האט שטארק גערירט דעם עולם און האט צווישן אנדערע געזאגט:

„מיר פארן אוועק פון דאנען טיף באפרידיקט, ווייל מיר האבן זיך דער-
ווּסט וועגן דער שטימונג פון די מענטשן, וועלכע געפינען זיך ביים שורש פון
רוסישן פאלק. די דאזיקע שטימונג. דאס דאזיקע געפיל – איז נישט פון קיין
קליינבירגער און פון א וואסאל, נאר פון אן ארבעטסמאן, וועלכער, צונויפקלייבנ-
דיק א גרויסע גערעטעניש, איז נישט מקנא דער גערעטעניש פון זיין שכן און
ברודער.”

אנ-סקיס רעדע האט ארויסגערופן לאנגע און רוישנדיקע אפלאדיסמענטן.
נאך אנ-סקין האט גערעדט אין נאמען פון די אוקראינער ל. מ. סטאריצקאיא-
טשערניאקאווסקאיא, וועלכער האט כאראקטעריזירט דעם צוזאמענפאר, ווי „דעם ערשטן
שטראל פון ברידערלעכקייט, ווארהייט און ליבע”.
געשלאסן דעם צוזאמענפאר האבן דער פארזיצער, קינסטלער אקאדעמיקער וו. ד.
פאלענאוו און די פארזיצערין פון דער מאסקווער אפטיילונג פון דער רוסישער טעאטרא-
לער געזעלשאפט די ארטיסטין א. א. יאבלאטשקינא.